16 ווי איז צו אײַך, בלינדע מנהיגים, וואָס זאָגן:
ווער עס שווערט בײַם היכל, איז עס גאָרנישט;
אָבער ווער עס שווערט בײַם גאָלד פֿון היכל, דער
17 איז חייבֿ. איר נאַראָנים און בלינדע; וואָרום וואָס
איז גרעסער, דאָס גאָלד אָדער דער היכל, וואָס
18 הייליקט דאָס גאָלד? און: ווער עס שווערט בײַם
מזבח, דאָס איז גאָרנישט; ווער אָבער עס שווערט
בײַם קרבן, וואָס ליגט דערויף, דער איז חייבֿ.
19 איר בלינדע! וואָרום וואָס איז גרעסער, דאָס קרבן
20 אָדער דער מזבח, וואָס הייליקט דאָס קרבן? דעריבער
ווער עס שווערט בײַם מזבח, דער שווערט בײַ אים
21 און בײַ אַלעם, וואָס איז אויף אים. און ווער עס
שווערט בײַם היכל, דער שווערט בײַ אים, און בײַ
22 דעם, וואָס וואוינט דרינען. און ווער עס שווערט
בײַם הימל, דער שווערט בײַ ג-טס כּסא-הכּבֿוד
און בײַ דעם, וואָס זיצט דערויף.
23 ווי איז צו אײַך, סופֿרים און פּרושים, צבֿועקעס!
אַז איר גיט אָפּ מעשׂר פֿון דער מיענטע און דעם
דיל און דעם קימל, און פֿאַרנאַכלעסיקט די שווערערע
זאַכן פֿון דער תּורה: דאָס משפּט און דעם חסד און
די אמונה! די דאָזיקע זאַכן האָט איר געדאַרפֿט טון,
24 און יענע נישט פֿאַרנאַכלעסיקן. איר בלינדע פֿירער,
וואָס זײַען דורך די מוק, און שלינגען אַראָפּ דאָס
קעמל.
25 ווי איז צו אײַך, סופֿרים און פּרושים, צבֿועקעס!
אַז איר מאַכט ריין דאָס אויסנווייניקסטע פֿון דעם
בעכער און דער שיסל, פֿון אינעווייניק אָבער
זענען זיי פֿול מיט גזילה און נישט-אײַנגעהאַלטנקייט.
26 דו בלינדער פּרוש, רייניק קודם-כּל דאָס אינעוויי-
ניקסטע פֿון דעם בעכער, כּדי אויך דאָס אויסנוויי-
ניקסטע זאָל ווערן ריין.